פרשת פינחס ||| שנת תשפ"ה לפ"ק ||| גליון קיב

# הבינוני

שיעורי הרב שמעון שפיצער שליט"א

באידיש

בר אבטח א
שמירת עינים ביי דער אַרבעט ה
עבודה למחשבה ז

## בר אבטח

## אורייתא מודעת ליה חוביה;

דער בעל בטחון דערהערט דעם רחמנות'דיגן רוף פון השי"ת

חובת הלבבות שער הבטחון שיעור נו, יום ראשון פרשת קרח, כ"ב סיון תש"פ

**חלק א**

א

## או הודע אליו חטאתו; די געוואַלדיגע טובה פון די הימלישע מעסעדזשעס

### פיר חילוקים צווישן 'חכמת חיים' און 'בטחון'

אין דעם פריערדיגן שיעור האָט מען אויסגעשמועסט דעם חילוק צווישן **צוויי סאָרט מענטשן וועלכע זענען מסיח דעת פון זייערע שוועריגקייטן**, ביידע לאָזן זיך פירן און ביידע קריגן זיך נישט מיט'ן מצב, נאר דער ערשטער טוט דאָס, **צוליב 'חכמת חיים'**; ווייל ער פאַרשטייט אַז פראַקטיש לוינט זיך נישט צו שלאָגן מיט אַ מציאות. ווידעראום דער צווייטער טוט די זעלבע זאַך, **צוליב זיין 'אמונה ובטחון'**; ווייל ער פאַרלאָזט זיך באמת אויף השי"ת, ער געדענקט אַז דער רבוש"ע איז דער וואָס האָט אים אַריינגעלייגט אין דער סיטואַציע און אַז באמת ליגט דאָ אַ באַהאַלטענע טוב.

מ'האָט דערמאַנט אַז ס'איז דאָ 4 חילוקים צווישן די צוויי סאָרט מהלכים אין לעבן:

### קיום פון מצוות אמונה בה'

ערשטנס, אַ איד וואָס איז משלים מיט'ן מצב ווייל ער פאַרלאָזט זיך אויף השי"ת, **איז ער דערמיט מקיים אַ מצוות עשה דאורייתא פון אמונה.** אָבער דער וואָס איז מסיח דעת פון דעם פראָבלעם ווייל ער פאַרשטייט אַז ס'איז גרינגער אַזוי, טוט אייגנטליך אַ קלוגע זאַך, אָבער ער איז נישט מקיים קיין שום מצוה דערמיט.

### דערגרייכן דעם תכלית החיים

צווייטנס, אַ מענטש איז דאך געקומען אויף דער וועלט 'להכיר את בוראו מתוך החושך' און **ווען אַ איד לעבט מיט אמונה וועט ער זוכה זיין אָנצוקומען צו אָט דעם תכלית.** אַנדערש איז דער וואָס לעבט נאר מיט חכמת חיים. ער וועט טאַקע האָבן אַ גרינגערע לעבן, אָבער ער גייט נישט צוקומען צו זיין תכלית.

### דער שכר פון בטחון איז בטחון

דריטנס, דער בוטח בה', וועט באַקומען זיין שכר אויף דער וועלט, אַז ער וועט האָבן נאָכמער בטחון. ווי דער **בריסקער רב הגרי"ז**, האָט געזאָגט, אַז **דער שכר פאר בטחון, איז אַ העכערע מדריגה פון בטחון.** ער וועט צוביסלעך באַקומען מער כלים און מער כוחות צו קענען לעבן מיט בטחון אפילו ביי אַזעלכע שוועריגקייטן וואָס רירן אים אן אין טיפסטן פינטל. אָבער איינער וואָס איז מסיח דעת פון זיינע פראָבלעמען צוליב חכמת חיים, **וועט ער נישט באַקומען דעם שכר פון נאָך בטחון.** דעריבער, ווען ס'וועט אים אונטערקומען שווערע נסיונות, וועט ער שוין נישט מצליח זיין צו קענען בלייבן רואיג.

### דער בוטח בה' באַקומט פרישע שפע

פערטנס, אַ איד וואָס איז דבוק מיט אמונה **וועט אים השי"ת משפיע זיין און עפענען נייע צינורות פון שפע**, נאָכמער ווי זיין געווענליכע מזל. ווי דער פסוק איז מבטיח 'והבוטח בה' חסד יסובבנו' - דער רבוש"ע גיבט ספּעציעלע השפעות פאר די וועלכע פאַרלאָזן זיך באמת אויף אים. נישט פאר אַזעלכע מענטשן וואָס מאַכן שלום מיט'ן מצב, ווייל ס'איז זיי גרינגער אַזוי.

### אַ סיסטעם פון דערמאַנונגען

לאָמיר אַצינד דערמאַנען נאָך אַ פינפטע חילוק, וואָס פאָדערט אַ באַזונדערע שיעור פאר זיך, צו גוט דערהערן די גרויסע נפקא מינה וואָס איז דא צווישן איינער וואָס לאָזט זיך פירן סתם חכמת חיים'דיג, און איינער וואָס לאָזט זיך פירן ווייל ער פאַרלאָזט זיך אויף השי"ת.

עס שטייט אין **זוהר הק'** (פרשת ויקרא) אַז דער אויבערשטער האָט אויסגעשטעלט די גאַנצע הנהגה פון אידישע קינדער, מיט אַ מהלך פון (ויקרא ד, כג) **אוֹ הוֹדַע אֵלָיו חַטָּאתוֹ אֲשֶׁר חָטָא.** דאָס הייסט אַז השי"ת ברוב רחמיו וחסדיו, וויל זייער שטאַרק אַז אידן זאלן דאָ מצליח זיין אויף דער וועלט, זיי זאָלן אויפטון וואָס מ'דאַרף אויפטון און נישט פאַרקריכן. השי"ת וויל נישט אַז דער מענטש זאל הערשט נאָך די 120 יאָר געוואויר ווערן אַז ער האָט געגרייזט און געבלאָנדזשעט אַגאַנץ לעבן אויפ'ן אומריכטיגן וועג.

דערפאַר האָט דער רבוש"ע איינגעשטעלט אַ סדר אין דער בריאה, אַז **אַלע פאַסירונגען וואָס געשעט מיט'ן מענטש, איז אים בעצם מודיע און עס דערמאַנט אים וויאַזוי זיך צו פירן ערליך.** דאָס איז מרומז אין דעם פסוק פון פרשת ויקרא: **אוֹ הוֹדַע אֵלָיו חַטָּאתוֹ אֲשֶׁר חָטָא** - מען שיקט כסדר פאַר'ן מענטש פאַרשידענע דערמאַנונגען פון אַלע

קורא יקר! הפצת הגליון תלוי בהשתתפותך!

לנדב וליטול חלק בההוצאות המרובות לזכות את הרבים נא לצלצל 718.387.1122 EXT 5

ריכטונגען, אַז ער זאָל געדענקן זיינע חטאים וואָס ער דאַרף פאַררעכטן.

### הימל און ערד שיקן מעסעדזשעס

דער זוהר הק' ברענגט דאָרט אַראָפּ אַ פּסוק פון ספר איוב (כ, כז) **יְגַלּוּ שָׁמַיִם עֲוֹנוֹ וְאֶרֶץ מִתְקוֹמָמָה לוֹ.** אַמאָל קומט פון הימל צרות אויפ'ן מענטש ח"ו, כדי אים מעורר צו זיין אויף זיינע עבירות. ס'פאַלט אַראָפּ פון הימל אַ מדת הדין, וואָס דער תכלית דערפון איז אַ שליחות פון השי"ת, **צו מודיע צו זיין פאַר'ן מענטש וועלכע זאַך ער האָט נישט געטון ריכטיג**, כדי אַז ער זאָל דאָס קענען מתקן זיין, און צוריק נאָנט ווערן מיט'ן אויבערשטן.

דאָס זעלבע איז 'ארץ מתקוממה לו' - די ערד קריגט זיך מיט'ן מענטש. ער פלאַנצט איין און ס'וואַקסט נישט, וכדומה. ווייל די **ערד טוט דאָ אַ שליחות, צו מודיע זיין אַז דו דאַרפסט נתעורר ווערן בתשובה** און זיך צוריקקערן צום ריכטיגן וועג.

### נישט לאָזן בלאָנדזשן איז די גרעסטע רחמנות

דאָס ליגט אויך אין דעם מאמר חז"ל '**הבא ליטהר מסייעין אותו**'. יעדער מענטש וואָס וויל ווערן נאָנטער צו השי"ת העלפט מען אים פון הימל. איינס פון די מהלכים וויאַזוי מ'העלפט אים, איז ווען **דער רבוש"ע פאַרזיכערט אַגאַנצן צייט אַז דער מענטש זאָל נישט אָנקומען צו ווייט.** יעדעס מאָל וואָס ער פאַלט דורך מיט אַן עבירה, איז מען אים גלייך מודיע אַז ער האָט געמאַכט אַ טעות.

די זאַך איז פון די גרעסטע מדות הרחמנות פון השי"ת. **ס'ליגט אין דעם אַזאַ רחמנות און אַזאַ חסד וואָס מ'קען גאַרנישט משיג זיין!** ווען נישט, וואָלט דער מענטש געקענט דורכגיין דאָס גאַנצע לעבן נישט וויסנדיג אפילו אַז ער בלאָנדזשעט, און נאָכדעם וואָלט ער צוריקגעקוקט אויף זיין טעות מיט וויטאָג: **פאַרוואָס האָט מען מיר נישט גלייך מודיע געווען אַז איך בין נישט אויפ'ן גוטן וועג?!**

לאָמיר זיך פאָרשטעלן אַז איינער פאָרט מיט אַ קאַר און ער האָט געמאַכט אַ לינקס אַנשטאָט אַ רעכטס. אָבער **הערשט נאָך צוויי שעה זאָגט אים איינער אַז דו האסט פריער געמאַכט אַן אומריכטיגן דריי.** קומט אויס אַז יעצט געדויערט אים זיין רייזע מיט פיר שעות לענגער. צוויי שעה וואָס ער איז געפאָרן בטעות און נאָך צוויי שעה וואָס ער דאַרף צוריקפאָרן דעם גאַנצן אומוועג... **ווען מ'וואָלט אים גלייך געזאָגט אַז ער דאַרף זיך אויסדרייען, וואָלט ער נישט געדאַרפט אַזויפיל צייט אַוועקגעגעבן פאַר דעם טעות.** דאָס איז טאַקע די געוואַלדיגע רחמנות פון השי"ת וואָס ער איז יאָ גלייך מודיע פאַר'ן מענטש אַז ער איז פאַרפאָרן.

### ס'לוינט זיך צו כאַפּן דעם מעסעדזש באַצייטנס

קומט אויס, אַז ווען אַ מענטש טרעפט זיך אין אַ מצב וואו עפּעס גייט אים נישט ווי ער וואָלט געוואָלט, זאָל ער פאַרשטיין אַז **דער רבוש"ע האָט אים יעצט געשיקט אַ סימן כדי אים צו דערמאָנען וואָס ער דאַרף פאַררעכטן!**

אויב אַ איד לעבט מיט אמונה, נעמט ער דאָס אַן ריכטיג. **ער כאַפּט דעם רמז און ער לערנט זיך דערפון.** אַזוי וועט מען אים נישט דאַרפן שיקן קיין ערגערע סימנים.

אָבער אויב דער מענטש איז זיך נאר מחזק מיט חכמת חיים: "איך גיי נישט יעצט קאַליע מאַכן מיין לעבן צוליב דעם דורכפאַל. כ'לאָז אָפּ אַלע חלומות וואָס כ'האָב געהאַט. גענוג געווען. ס'לוינט זיך נישט". גייט ער טאַקע לעבן רואיגער, ווייל ער איז משלים מיט'ן מצב, **אָבער ער כאַפּט נישט דעם סימן וואָס מ'האָט אים געשיקט פון הימל!** און אויב אַזוי, וועט מען אים דאַרפן שיקן אַ שטאַרקערן סימן. שפּעטער, ווען ער וועט זיך ווייטער אַרויסדרייען, וועט מען אים דאַרפן שיקן נאָך שטאַרקערע סימנים. ביז ער וועט חלילה דאַרפן כאַפּן אַזאַ פּאַטש, אַז ער וועט נישט וויסן וואָס טוט זיך מיט אים.

### פאַרוואָס וואַרטן ביז מ'שיקט שטרענגערע רמזים?

דער בוטח בה', לאָזט זיך פירן פון אויבן. ער ווייסט אַז דער מצב איז געקומען מיט אן אויסגערעכנטע השגחה פרטית און ס'איז פאר זיין טובה. אָבער גלייכצייטיג איז ער זיך מתבונן: "**וואָס וויל השי"ת פון מיר? פאַרוואָס איז מיר געקומען דער סימן?**". ווידעראום איינער וואָס לעבט מיט חכמת חיים, איז סתם אַזוי מסיח דעת. און אַז ער כאַפּט נישט דעם רמז, דאַרף מען אים חלילה שיקן שטאַרקערע רמזים.

**חז"ל** זאָגן (ויק"ר יז, ד) אַז אַזוי איז אייגנטליך געווען דער סדר ביי די נגעים. צוערשט האָט מען פון הימל געשיקט '**נגעי בתים**', אַ נגע אויף די וואַנט פון דער הויז. אויב דער מענטש האָט נישט געכאַפּט דעם רמז, האָט מען אים געשיקט '**נגעי בגדים**', אויף אַ קלייד. און אויב ער האָט נאָך אַלץ נישט געכאַפּט איז געקומען אַ נגע אויף אים אַליין.

דאָס איז אַלזאָ דער פּינפטער חילוק: איינער וואָס איז משלים מיט'ן מציאות, צוליב חכמת חיים, **איז זיך קיינמאָל נישט מתבונן אין דעם סימן** וואָס מ'האָט אים געשיקט פון הימל, און דעריבער וועט ער חלילה דאַרפן באַקומען נאָך גרעסערע סימנים. אָבער דער בוטח בה' לעבט רואיג און גליקליך מיט זיין אמונה, און גלייכצייטיג **דערהערט ער דעם מעסעדזש** וואָס השי"ת וויל פון אים.

ב

# הרואה יסורים באים עליו; תשובה טון אויף אונזער חסרון אין אמונה

### די שוועריגקייט פון 'יפשפש במעשיו'

מיר ווייסן אַלע וואָס די גמרא זאָגט (ברכות ה, א): **אם רואה אדם שיסורים באים עליו, יפשפש במעשיו.** די גמרא איז לכאורה געבויעט אויף דעם יסוד וואָס די תנאים האָבן געשריבן אין זוהר הק', אַז ווען ס'פּאַסירט יסורים פאַר'ן מענטש, **איז דאָס אַ טובה פון השי"ת, כדי אַז מ'זאָל אַריינטראַכטן און זיך פאַררעכטן די מעשים.** דער רבוש"ע שיקט דיך דאָ אַ מעסעדזש!

אין די פריערדיגע שיעורים (שער הבטחון, שיעור ו' און שיעור ז') האָט מען שוין אויסגעשמועסט, אַז אַסאַך מענטשן האָבן אַ שוועריגקייט וויאַזוי אָפּצולערנען דעם שטיקל גמרא, אַז ווען מ'האָט יסורים דאַרף מען מפשפש זיין במעשיו.

### אַן אומריכטיגע בליק

לאָמיר זאָגן אַז איינער האָט אינוועסטירט הונדערט טויזנט דאָלער מיט דער האָפענונג אַז ס'גייט ווערן דאָפּלט, אָבער למעשה איז די גאַנצע זאַך געגאַנגען לטמיון און ער איז נאָך געוואָרן אַ בעל חוב דערפון. **דער מענטש געפינט זיך יעצט אין אַ צרה.** ער האָט געכאַפּט אַ געזונטן פליק, און צומאָל איז דאָס אויך באַגלייט מיט בושות.

אַצינד קען ער זיך מחזק זיין אַז ס'איז זיכער געווען באַשערט; ס'איז אַ טובה פון הימל; דורכדעם האָב איך זיך איינגעשפּאָרט אַסאַך ערגערע זאַכן ח"ו; השי"ת וועט מיר צוריקצאָלן לטובה אויף אַנדערע אופנים, א.א.וו. **אַזעלכע מחשבות באַרואיגן אים באמת פון די שוועריגקייט.**

אָבער ווען אַזאַ מענטש לערנט די גמרא, אַז ווען ס'קומט יסורים דאַרף מען מפשפש זיין במעשים, דעמאָלט שפּירט ער אַז פון הימל גיבט מען אים אַ קלאַפּ און מ'זאָגט אים: "יאָ, יאָ, דו קענסט חתמ'ן אַז דיין שמירת עינים איז געווען אויסגעהאַלטן די לעצטע צען יאָר? אָה, דאָס פּאַסירט ווען מ'היט זיך נישט! יפשפש במעשיו, זאָלסט וויסן אַז דו צאָלסט יעצט מיט ריבית אויף דיינע מעשים"...

### צעמישטע מחשבות

דער מענטש ווערט זייער צערידערט פון אַזאַ געפיל: **הייסט עס אַז יעצט גייט מען זיך נוקם זיין אין מיר?** יאָ, איך ווייס אַז איך בין נישט קיין מושלם, כ'בין נכשל געוואָרן מיט פאַרשידענע דיבורים און מעשים, **יעצט דאַרף איך זיך אפּמוטשן דערוועגן?**

אַנשטאָט ער זאָל זיך יעצט מחזק זיין מיט מחשבות אַז אַלעס איז באַשערט און אַלעס איז לטובה, טראַכט ער: אודאי, דער אויבערשטער איז אַסאַך שטאַרקער פון מיר, און **ס'איז יעצט אָנגעקומען די צייט וואָס מ'גייט מיר אָנהויבן פליקן פון אַלע זייטן.** איך בין דען דער ערגסטער בעל עבירה? וואָס טוט זיך מיט מיין שכן אין בית המדרש וואָס שמועסט אַרום ביים דאַווענען, און ס'גייט אים גוט אין לעבן? ס'קומט זיך אום נישט אַזאַ פליק?

אַזעלכע מחשבות מאַכט אַז דער מענטש זאָל שוין נישט קענען געהעריג פאָקוסירן. **ער קען שוין נישט אָנצייגן אַז די יסורים זענען געקומען צוליב די עבירה אָדער צוליב יענע עבירה.** ער איז פאַרווייטאָגט און קען זיך נישט צאמקלויבן צו מפשפש זיין במעשיו.

## אַ דערמאָנונג מקיים צו זיין 'אנכי'

אָבער לויט דעם יסוד, וואָס מיר האָבן יעצט געלערנט פון דעם זוהר הק', קומט אויס אַ געוואַלדיגע דערהער, וואָס מאַכט אַז מ'זאָל קענען מפשפש זיין במעשים, **אויף אַ באַ'טעמ'טן מהלך, אָן קיין ביטערקייט**, נאָר אָנגעפולט מיט חיזוק און שמחה.

ס'איז דאָ איין מצוה, וואָס יעדער מענטש קען וויסן אויף זיכער אַז אויב גייט ער עובר זיין די מצוה, גייט אים השי"ת שיקן אַ שוועריגקייט, כדי ס'זאָל אים דערמאָנען און ס'זאָל אים אויפוועקן אַז ער דאַרף דאָ פאַרריכטן. דאָס איז **די מצוה פון 'אנכי ה' אלקיך'.**

## גלייבן אין די אייגענע מעגליכקייטן איז אַן עבירה

די מצוה פון אמונה איז צו געדענקן אַז **דער רבוש"ע פירט די וועלט אויף יעדן פרט, און דו קענסט גאָרנישט טון צו טוישן עפּעס.** וויפיל דו וועסט משקיע זיין, וויפיל דו וועסט פּרובירן צו פאַראַרבעטן מעשים, וועסט גאָרנישט קענען אויפטון, ווייל דו האסט נישט אין דיין מעגליכקייט זיך צו בעסער מאַכן אָדער זיך אַרויסצודרייען פון אַ מצב. **אפילו ווען מ'טוט השתדלות איז עס אויף נאָר ווייל דער אויבערשטער האָט געהייסן דאָס טון אָבער ס'העלפט נישט אויף למעשה.** די איינציגע וועג וויאַזוי דו קענסט יאָ בעסער מאַכן אָדער זיך פאַרגרינגערן, איז דורך זיך ווענדן צו השי"ת.

אַ מענטש וואָס מיינט אַז ער קען זיך אַליין בעסער מאַכן: "איך וועל שוין טון עפּעס, כ'וועל זיך שוין אַן עצה געבן", **איז עובר אויף דעם מצות עשה פון 'אנכי ה' אלקיך'.** ער איז נישט מקיים די מצוה ווי ס'דאַרף צו זיין, ווייל ער גלייבט נישט באמת אַז דער רבוש"ע איז דער איינציגער בורא ומנהיג לכל הברואים וואָס קען מאַכן אַז עפּעס זאָל זיך טוישן. אויב האָסטו געטון השתדלות מיט דער מחשבה אַז "כ'וועל טון אַהער און אַהין, כ'וועל שוין טרעפן די וועג". האָסטו עובר געווען אַן עבירה!

## יעדער איינער דאַרף חיזוק אויף אמונה בשלימות

במציאות געפינען מיר זיך דאָ אין אַ וועלט, וואו אַלעס קוקט אויס פאַרקערט ווי די אמת'ע אמונה. דעריבער איז עס זייער שווער צו געדענקן, און **ס'איז כמעט לא ימלט אַז אַ מענטש זאָל זיין שלימות'דיג אויסגעהאַלטן אין דער סוגיא פון אמונה.** ס'איז כמעט נישט שייך אַז אַ מענטש זאָל זיין אויף דער מדריגה אַז מ'דאַרף אים קיינמאָל נישט דערמאָנען אַז ער איז אַביסל דורכגעפאַלן מיט מחשבות פון היפוך אמונה.

ווי צדיקים האָבן ממליץ טוב געווען, אַז **ווען דער 'ראשית חכמה' וואָלט געווען אויף דער גאַס, און די נסיונות וואָלטן געווען אין ספרים שאַפע, וואָלט עס געווען אַסאַך גרינגער.** אָבער למעשה ליגט דאָך דער 'ראשית חכמה' אין ספרים שאַפע און אויף די גאַס דאַרף מען זיך מוטשענען מיט'ן יצר הרע, אַז מ'זאָל פאַרגעסן פון דעם 'אנכי ה' אלקיך'.

און היות **די גאַנצע תכלית און הצלחה פון אַ איד בזה ובבא איז אָנגעהאָנגען אין אָט דער ידיעה,** און דער רבוש"ע ווייסט דאָך אַז דער מענטש גייט פאַרגעסן דערפון, ווייל ער געפינט זיך דאָ אויף דער וועלט - אפילו אַזעלכע וואָס אַרבעטן יאָ אויף אמונה ובטחון, אָבער די גאַנצע ווינט און אַטמאָספערע פון דער גאס מאַכט אַז מ'זאָל פאַרגעסן דעם אמת'ן מציאות - און ווען מ'געדענקט נישט די אמונה פאַלט מען חלילה אַוועק פון הצלחה סיי ברוחניות און אפילו בגשמיות, דעריבער **האָט דער רבוש"ע אַזאַ גרויסע רחמנות און ער מאַכט אַ סדר פון 'הודע אליו חטאתו'.** ער לייגט דירעקט אַריין דעם מענטש אין אַזעלכע סאָרט מצבים וואו **מ'קען זיך נישט אַליין אַן עצה געבן, מ'האָט נישט קיין וועג אַרויס,** און דעמאָלט דערהערט מען אַז מ'איז געווען אָנגעוויזן אויף השי"ת.

## זוכן עפּעס וואָס איז 'מדה כנגד מדה'

לויט דעם יסוד פאַרשטייט מען וואָס די גמרא זאָגט: **אם רואה אדם יסורים באים עליו, יפשפש במעשיו, פשפש ולא מצא יתלה בביטול תורה.** אַסאַך מאָל פרעגן מענטשן: וויאַזוי מאַכט מען דאָס פּראַקטיש אויף למעשה? איך האָב דאָך מיליאַנען זאַכן וואָס איך דאַרף פאַרריכטן, וואו זאָל איך אָנהויבן?!

**רש"י** אויפ'ן פּלאַץ, איז דאָס מסביר אַז 'יפשפש במעשיו' מיינט אַז **מ'זאָל זוכן אַזאַ סאָרט עבירה וואָס 'בשבילה ראוין יסורין אלו לבוא עליו'.** מ'זאָל פּרובירן צו טרעפן אַן עבירה וואָס עס איז מסתבר אַז די יסורים איז געקומען צוליב דעם. אַזוי זאָגט אויך דער **'פרי מגדים'** אין זיין ספר **'ראש יוסף'**, דאָרט אויף דער גמרא אין מסכת ברכות, אַז 'יפשפש במעשיו' איז טייטש אַז מ'זאָל זוכן עפּעס אַן עבירה וואָס איז 'מדה כנגד מדה' קעגן די יסורים.

## יתלה בביטול תורה - זיי זיך מחזק מיט אמונה

דערפאַר שטייט ווייטער אין דער גמרא: **פשפש ולא מצא יתלה בביטול תורה.** דאָס איז אַזוי ווי אַ מלמד אָדער אַ מגי"ש איז מסביר פאַר זיין תלמיד אַ געוויסע חשבון, און ווען ער זעט אַז דער תלמיד האָט עס נאָכנישט געכאַפּט, זאָגט ער אים: "קום, לאָמיר דיר מסביר זיין די זעלבע זאַך פון אַן אַנדערע ריכטונג, פון דאָרט וועסטו שוין צוקומען צו פאַרשטיין די נקודה בעצם".

דאָס זעלבע זאָגן אונז חז"ל: צומאָל קען אַ מענטש זען קלאָר ווי דער טאָג, אַז ער האָט באַקומען אַן עונש 'מדה כנגד מדה', דעמאָלט קען ער מקיים זיין דעם 'יפשפש במעשיו' וויסנדיג פאַרוואָס ער האָט באַקומען די יסורים. אָבער אַסאַך מאָל איז 'פשפש ולא מצא', ער האָט נאָכנישט געטראָפן דעם פונקטליכן 'מדה כנגד מדה' פאַרוואָס ס'איז אים געקומען. **דעמאָלט ווייסטו וואָס? לאָמיר גיין צום שורש!** יתלה בביטול תורה. **דאָס איז די פינטעלע פון אמונה וואָס אַלע מצוות זענען געבויעט דערויף.** די סיבה פאַרוואָס אַ מענטש קען דורכפאַלן מיט אַלע סאָרט עבירות, איז בלויז ווייל ס'פעלט אים די נקודה פון 'אנכי ה' אלקיך'.

## שטאַרקן די אמונה איז אַלעמאָל אַקטועל

ווען אַ מענטש זעט נישט פאַרוואָס ער האָט יסורים, **זאָל ער וויסן אַז דער רבוש"ע וויל אים מחזק זיין מיט אמונה.** ווילאַנג דו געפינסט זיך אויף דער וועלט קענסטו נאָך ניצן אַ חיזוק אויף אמונה, צו געדענקן מיט אַ קלאָרקייט אַז "איך קען זיך נישט קיין עצה געבן, נאָר דער אויבערשטער קען מיר העלפן". דאָס איז טייטש 'יתלה בביטול תורה'. אַלע תרי"ג מצוות זענען בלויז ענפים צו דעם גרויסן יסוד פון אמונה. **אויב דו טרעפסט נאָכנישט דער 'ענף', גיי צום שורש און זיי זיך מחזק מיט מער אמונה ובטחון.**

דאָס איז אַ געוואַלדיגע כלל אין לעבן: דער רבוש"ע גייט דיר אַריינלייגן אין אַזעלכע מצבים וואָס דו גייסט נישט האָבן קיין שום מהלך וויאַזוי זיך אַרויסצודרייען דערפון. דאָס גייט געשען! ס'גייט זיין 'רואה אדם יסורים באים עליו', און ווען דו זעסט אַז דאָס פּאַסירט, זאָלסטו וויסן אַז **ס'איז אַ געוואַלדיגע רחמנות פון השי"ת, ווייל ער וויל אַז דו זאָלסט דערהערן דעם 'אנכי ה' אלקיך'.** דער רבוש"ע וויל אַז ווען דו טרעפסט זיך אין אַזאַ מצב זאָלסטו אויפהערן אַלעס טון און בלויז זיך פאַרלאָזן אויף אים. דעמאָלט האָסטו ריכטיג מקיים געווען דעם 'יפשפש במעשיו - יתלה בביטול תורה'! **האסט זיך אויסגעלערנט דעם 'אנכי'** און דאָס איז די ריכטיגע קיום התורה!

ג

# אשריך בעולם הזה ובעולם הבא; נאָכ'ן מקבל זיין יסורים מיט אמונה, דאַרף מען שוין נישט ליידן

## חכמת חיים מאַכט פאַרגעסן דעם אמת

וויפיל מאָל הערט מען מענטשן רעדן אַזאַ סאָרט שפּראַך ווי: "איך האָב טאַקע נישט קיין **פרנסה, כ'האָב נישט קיין געהעריגע שטעלע, אָבער כאָטש האָב איך גוטע קינדער**"... דער מענטש טרעפט זיך ביי די 55 יאָר אַלט און קוקט

צוריק, וואָס איז געבליבן פון אַלע מיינע חלומות? און ער טרייסט זיך: "כ'בין נישט ממש אַ טאָטאַלער דורכפאַל, איך האָב טאַקע נישט באַוויזן כך וכך, אָבער לאָמיר קוקן אויף די גוטע זאַכן וואָס איך האָב יאָ ערריכט"... ער ליגט נישט אין בעט צעבראָכן און אויפגעגעבן ווייל "כאָטש אַפּאָר זאַכן האָב איך יאָ אויפגעטון".

ס'איז נישט געפערליך אַז מ'רעדט אַזוי, אָבער למעשה איז דאָס אַן אומריכטיגע שפּראַך פון חכמת חיים. **דו ווילסט דוקא אַז דער רבוש"ע זאָל דיר ווייזן אַז אפילו דאָרט וואו דו מיינסט אַז דו ביסט יאָ מצליח, זאָלסטו זען אַז אויך דאָרט קענסטו זיך נישט געבן קיין עצה?** פאַרוואָס? אַנערקען דעם אמת אַז דו קענסט גאָרנישט אַליין, וועסטו קענען בלייבן מיט דיינע גוטע חלקים אין לעבן. פאַרוואָס זאָל מען דיר דאַרפן צוברענגען צו אַ ווינקל אַז דו זאָלסט מוזן דערהערן דעם ריינעם אמת אַז דו קענסט גאָרנישט אַליין?!

## אַ פּראָבלעם אין חינוך

לאָמיר זיך פאָרשטעלן אַז אַ טאַטע באַקומט אַ טעלעפאָן פון דעם מלמד פון זיין קינד און ער כאַפּט אַ שאָק ווען ער הערט: "דיין קינד דאַרף אַביסל הילף אין ליינען. ער דאַרף ווען האָבן איינער וואָס זאָל צולערנען מיט אים אין דער זייט". דער מלמד לייגט נאָך צו אַזוי שיינערהייט: "אפשר וואָלט בעסער געווען ווען מ'זוכט אים אַ צווייטע ת"ת וואָס איז בעסער אויסגעשטעלט פאַר זיין הצלחה"...

דער טאַטע פרובירט זיך צו דינגען, אָבער ווען דאָס קינד ווערט בר מצוה און מ'דאַרף אים אַריינלייגן אין ישיבה קטנה, **ווילן מען אים נישט געהעריג אָננעמען**. מ'איז מסביר פאַר'ן פאָטער אַז די ישיבה איז נישט געאייגנט פאַר אים... און דאָס קינד אַליין, ווי אויף צו להכעיס, ווייסט פונקטליך וויאַזוי צו שפּאַצירן אויף די נערוון און נאָכמער אַרויסנעמען די עלטערן פון די כלים.

דער טאַטע איז נעבעך צעבראָכן: **קענסט מיר זאָגן וואָס מ'וויל פון מיר האָבן?** די גאַנצע מציאות העולם איז דאָך אויסגעשטעלט מיט אַ סיסטעם פון מוסדות און ישיבות, **אויב מיין קינד שטימט נישט מיט'ן מסגרת איז ער חייב מיתה?** כ'האָב שוין אויסגעגעבן אַזויפיל געלט, כ'האָב שוין אַזויפיל מתפלל געווען, כ'האָב שוין אַלעס פרובירט, **זאָג מיר וואָס זאָל איך יעצט טון?**

אַמאָל ציעט זיך די פּרשה ביז נאָכדעם וואָס מ'האָט שוין ענדליך חתונה געמאַכט דאָס קינד. אָבער יעצט הייבט זיך אָן אַ פרישע פּרשה וואָס איז שוין אַסאַך שווערער, ס'איז שנים מקרא ואחד תרגום... און ס'איז שוין פאַרמישט דאָ דריי קאָמפּליצירטע פּרשיות. דער טאַטע איז אָנגעווייטאָגט: **וואָס האָב איך נישט גוט געטון אַז דאָס האָט פּאַסירט, כ'האָב דאָך אַזויפיל פרובירט...**

## די ריכטיגע וועג זיך צו באַרואיגן

אַצינד איז דאָ עטליכע סאָרט מהלכים וויאַזוי מענטשן געבן זיך אַן עצה אין אַזאַ סיטואַציע. ס'איז דאָ אַזעלכע עלטערן וואָס ווערן אינגאַנצן פאַרלוירן און צעבראָכן. דערנאָך איז דאָ עלטערן וואָס זענען זיך מתעלם פון דער גאַנצער זאַך: "וואָס איז דען אַז דער מנהל האָט געזאָגט? מ'האָט שוין געהערט אַזאַנס... איך וועל אָנרופן די הנהלה און כ'וועל לייגן פרעשור אַז מ'זאָל אים יאָ דאָרט האַלטן". דאָן איז דאָ עלטערן וואָס נעמען דאָס זייער ערנסט. זיי לויפן אַרום פון איין מטפל צום אַנדערן.

בעצם איז נישט שלעכט אַז מען באַרואיגט זיך, אָדער אַז מ'טוט די ריכטיגע השתדלות. אָבער איין מינוט! **נעם אויך אין חשבון אַז דער רבוש"ע האָט דיך יעצט אַריינגעלייגט אין אַזאַ מצב וואו דו טרעפסט נישט קיין וועג אַרויס!** דאָס איז אַ רחמנות פון השי"ת, כדי **אַז דו זאָלסט מוזן אַרויסנעמען אַ תהלים'ל און זיך באַרואיגן מיט אמונה.** דיין רואיגקייט זאָל נישט קומען פון היסח הדעת, דיין רואיגקייט זאָל נישט קומען ווייל "איך מיין אַז כ'האָב אַ פּלאַן", דיין רואיגקייט זאָל נישט קומען ווייל אַ חבר האָט דיך געזאָגט: "איך האָב געהאַט אַזאַ בחור, און ער איז ב"ה אויסגעוואַקסן פיין, ס'איז נאָר די פּאָר שווערע יאָרן".

די אַלע חיזוק מעטאָדן זענען נישט קיין עוולה, אָבער אויב דו וועסט זיך באַרואיגן נאָר צוליב די זאַכן, וועלן די יסורים חלילה צוריקקומען נאָכאַמאָל און נאָכאַמאָל, ווייל **דער רבוש"ע וויל דיך אויסלערנען דעם אמת**, אַז דו האָסט נישט קיין שום מהלך, נאָר זיך צו פאַרלאָזן אויף אים.

## קריעת ים סוף - כדי צו דערהערן דעם אמת

דער **שפת אמת** (פסח תרל"א) זאָגט אַז דאָס איז געווען די סיבה פון קריעת ים סוף, ווייל ווען אידן זענען אַרויסגעקומען פון מצרים, **האָבן זיי נאָכנישט ריכטיג דערהערט די נקודה פון זיך גענצליך פאַרלאָזן אויף השי"ת**, יציאת מצרים איז נאָך געווען אַ בחינה פון אַן אתערותא דלעילא.

דעריבער האָט אויסגעפעלט אַז אַ וואָך שפּעטער זאָלן די מצריים נאָכאַמאָל צוריקקומען און זיי נאָכלויפן ביים ים. דער שווערער מצב איז צוריקגעקומען אויף אַן ערגערן אופן. **יעצט האָבן זיי שוין קלאָר געזען אַז ס'איז נישטאָ קיין שום וועג אַרויס**, נאָר דעם מהלך פון זיך גענצליך פאַרלאָזן אויפ'ן אויבערשטן 'מה תצעק אלי דבר אל בני ישראל ויסעו'.

> דער רבוש"ע האָט דיך יעצט אַריינגעלייגט אין אַזאַ מצב... אַז דו זאָלסט מוזן אַרויסנעמען אַ תהלים'ל און זיך באַרואיגן מיט אמונה

## די גרעסטע מתנה ווען מ'האָט נישט קיין מהלך

די ידיעה, אַז איך האָב נישט קיין שום וועג אַרויס, מוז נקלט ווערן אין האַרץ פון אַ איד אויפ'ן טיפסטן אופן וואָס איז נאָר שייך. ווייל **דאָס איז די שטאַרקסטע מצוה וואָס מ'איז געקומען אויף דער וועלט דאָס צו דערהערן.** דערפאַר וועט דער רבוש"ע אונז געבן די ידיעה אויף אַ גאָלדענעם טאַץ, ווען ס'וועט אונז אונטערקומען אַ שוועריגקייט אין לעבן.

אַנשטאָט מ'זאָל ווערן צעבראָכן ווען ס'קומט אַזאַ מצב, דאַרף מען פאַרשטיין: **דאָס איז אַ מתנה פון השי"ת!** די יסורים וואָס איז יעצט אָנגעקומען איז אַ געשאַנק פון הימל **מיך אויסצולערנען אַז כ'זאָל זיך פאַרלאָזן נאָר אויפ'ן אויבערשטן.** וואָס גייט זיין דאָ? איך ווייס נישט! אפשר גייט עס ווערן ערגער? כ'האָב נישט קיין מושג! כ'קען זיך נישט קיין עצה געבן? כ'האָב נישט קיין וועג אַרויס? **אָה, יעצט קען איך זיך שטעלן טאַנצן.** אויב איך זעה נישט קיין שום מהלך אַרויס, קען איך זיין פרייליך, ווייל ווילאַנג כ'האָב נאָך יאָ אַ וועג אַרויס האָב איך זיך נאָכנישט אויסגעלערנט דעם אמת.

## אַז מ'דערהערט ריכטיג, גייט מען אַרויס פון דער צרה

דאָס איז אויך נוגע ווען ס'קומט צו ענינים פון **רפואה און געזונט**. צוערשט פרובירט דער מענטש צו נוצן אַזאַ סאָרט עצה און יענעם דאָקטער, אָבער **ס'קומט צו אַ שטאַפּל וואָס ער דאַרף זיך פשוט פאַרלאָזן אויף השי"ת.** דאָס זעלבע איז ווען ס'קומט צו **געלט און ביזנעס**. איבעראַל וועט דער אויבערשטער אַריינלייגן דעם מענטש אין אַ מצב וואו ער קען זיך נישט קיין עצה געבן, ווייל השי"ת וויל אים אויסלערנען דעם אמת פון 'אנכי ה' אלקיך'.

טאָמער דער מענטש נעמט דאָס אָן, וואוסנדיג אַז דאָס קומט מתוך אהבה - און אפילו ווען ער דאַרף יאָ טון אַ פעולה פון השתדלות, בלייבט ער מיט דער הונדערט פּראָצענטיגער הרגשה אַז איך קען זיך נישט אַליין העלפן - **דעמאָלט וועט ער נישט דאַרפן באַקומען נאָך סימנים.** דער רבוש"ע וועט אים אַרויסנעמען שנעלער פון דעם שוועריגקייט.

אָבער טאָמער דער מענטש וועט מסיח דעת זיין און זיך באַרואיגן מיט דעם מהלך פון חכמת חיים, ער בלייבט רואיג אָבער נישט צוליב די אמת'ע סיבה, **וועט מען אים חלילה דאַרפן שיקן נאָך רמזים,** ווייל דער רבוש"ע גייט אים נישט לאָזן דורכגיין די וועלט אָן דעם וואָס ער זאָל זיך אויסלערנען די ידיעה אַז ער קען גאָרנישט אַליין. דער רבוש"ע האָט ליב יעדן איד, און ער ווייסט אַז אָט די ידיעה איז די גרעסטע הצלחה בעולם הזה און בעולם הבא!

# שמירת עינים ביי דער אַרבעט

## יזכו לרב טוב;

די געוואַלדיגע שפע דורך שמירת עינים

יום רביעי פרשת וארא כ"ה טבת תש"פ

**חלק ב**

### א

## שורייני דעינא באובנתא דליבא תלו; די שנעלסטע וועג אַריין צום האַרץ זענען די אויגן

### להלכה זענען די אויגן מיט'ן האַרץ נאָנט פאַרבינדן

די **ספרי מוסר** ברענגען אַראָפּ וואָס די **גמרא** זאָגט (עבודה זרה כח, ב) אַז אויב אַ מענטש האָט אַ מחלה אין די אויגן, איז דאָס פּיקוח נפש און מ'דאַרף מחלל שבת זיין דערפאַר, ווייל **'שורייני דעינא באובנתא דליבא תלו'** - די אָדערן פון די אויגן זענען אָנגעהאָנגען אין דעם האַרץ. אויב מ'איז ל"ע קראַנק אין די אויגן קען דאָס אָנקומען צום האַרץ און ס'קען אַפעקטירן דאָס גאַנצע חיות פון דעם מענטש.

דאָס באַדייט אַז **די אויגן האָבן אַ געוואַלדיגע השפעה אויפ'ן האַרץ**, אפילו בגשמיות, און זיכער ברוחניות, ווי **חז"ל** זאָגן (רש"י פרשת שלח טו, לט): 'עין רואה והלב חומד'.

### מנוחת הנפש - זיין מחובר מיט אַלע חלקי הנפש

מ'קען בעסער פאַרשטיין די שייכות פון די אויגן מיט'ן האַרץ, לויט ווי מ'האָט דערמאַנט אין דעם שיעור פון חובת הלבבות שער הבטחון (שיעור לג) אַז **די אָפּטייטש פון מנוחת הנפש איז אַנדערש ווי מענטשן מיינען**. מנוחת הנפש איז נישט טייטש אַז מ'דרייט זיך אַרום זאָרגלאָז אָן קיין פּראָבלעמען און אָן קיין דאגות.

די ריכטיגע מנוחת הנפש איז **ווען די חלקי הנפש זענען נישט צעשפּרייט און צעזייט, נאר דער מענטש איז מחובר מיט אַלע חושים צו זיין נפש**. דאָס גיבט אַ מורא'דיגע תענוג, ווען מ'איז מחובר אויף הונדערט פּראָצענט מיט אַלע חושים צו אַ געוויסע זאַך.

צדיקים האָבן טאַקע געאַרבעט אַז ביי יעדע מצוה זאָלן אַלע חושים זיין דערביי, **ווייל דאָס גיבט פאַר'ן מענטש אַ מורא'דיגע עונג**. ס'מאַכט זיך אויך ביי פּשוט'ע אידן אַז אַמאָל ווען מ'זינגט אַ וואַרימע ניגון פרייטאָג צונאַכטס אָדער ביי של"ס, פאַרמאַכט ער זיך די אויגן, ער זעט נישט און הערט גאָרנישט עפּעס אַנדערש וואָס טוט זיך אַרום. דאָס גיבט אַ מורא'דיגע עונג פון מנוחת הנפש.

היינט צוטאָגס פּרובירט אויך די צד שאינו של קדושה צו אַהערשטעלן אַזעלכע תענוגים. די אַלע סאָרט פּרעזענטאַציעס אַרבעטן אויף אַן אופן אַז **דער מענטש זאל ווערן געצליך אַריינגעטון דערינען מיט אַלע פינף חושים.** אפילו די בענקלעך שאָקלן זיך מיט, ווען מ'קוקט אויפ'ן סקרין. און אפילו דאָס גערוך אויפ'ן פּלאַץ טוישט זיך לויט די מעשה, אַז אויך די חוש הריח זאָל ממש מיטשפּירן לעבעדיג וואָס מ'זעט מיט די אויגן. דער ציל איז, אַז דער מענטש זאָל נישט וויסן און נישט שפּירן גאָרנישט, **ער זאָל זיין פולקאָם פאָקוסירט מיט אַלע חושים אין די דראַמע פון דער געשיכטע.** דאָס מאַכט אַ גרויסע תענוג. אויב שפּירט מען אינמיטן עפּעס אַנדערש אָדער מ'טראַכט פון נאָך זאַכן, קען מען שוין נישט האָבן דעם זעלבן עונג.

### די אויגן ברענגט תענוג פאַר'ן האַרץ

וואו איז די אבר וואָס גיבט אונז תענוג? **דאָס האַרץ**. מ'קען באַקומען שליטה אויפ'ן האַרץ דורך דעם מח (מח שליט על הלב), און מ'קען באַקומען שליטה אויפ'ן האַרץ דורך די פּעולות וואָס מ'טוט (אחר הפעולות נמשכים הלבבות), אָבער **די גרינגסטע און די שנעלסטע השפעה אויפ'ן האַרץ געשעט דורך די חושים**. יעדע זאַך וואָס גייט אַריין דורך די חושים קומט אָן צום האַרץ תיכף ומיד. דאָס איז אַ ספּעציעלע כח וואָס די חושים פאַרמאָגן.

זאָגן אונז חז"ל אַז 'שורייני דעינא באובנתא דליבא תלו'. **צווישן אַלע חושים, זענען די אויגן די שטאַרקסטע חוש וואָס איז פאַרבינדן גלייך צום האַרץ**. 'אינו דומה שמיעה לראיה'. ווען אַ מענטש זעט עפּעס, **נעמט אים דאָס איבער שטאַרקער פון סיי וועלכע זאַך.**

### אַ בילד וואָס מ'זעט גייט גלייך אַריין טיף אין האַרץ

די אויגן האָבן אַ מאַכטפולע השפעה אויפ'ן האַרץ, ווי דער כלל איז: 'איין בילד איז שטאַרקער ווי טויזנט ווערטער'. דער מח - וואָס איז שליט על הלב - דאַרף מסביר זיין אַ זאַך מיט טויזנט ווערטער כדי די האַרץ זאָל עס פאַרשטיין, אָבער **ווען מ'זעט עס מיט די אויגן גייט עס גלייך אַריין אין האַרץ**. מ'דאַרף שוין גאָרנישט מסביר זיין מיט ווערטער... ווער רעדט נאָך אויב דאָס בילד רוקט זיך, און מ'זעט די גאַנצע זאַך אויף אַמאָל, **גייט דאָס אויטאָמאַטיש אַריין טיף אין האַרץ תיכף ומיד**, און ס'ברענגט אַ געוואַלדיגע תענוג פאַר'ן האַרץ, ווייל ער שפּירט די זאַך מיט אַ שטאַרקע געפיל. וואָס דאָס איז די באַדייט פון מנוחת הנפש.

דאָס איז די סיבה פאַרוואָס מענטשן האָבן אַ נסיון צו נוצן זייערע אויגן אויף ראיות אסורות חלילה, ווייל ער שפּירט אַז דאָס ברענגט אים תענוג אין האַרץ. ווען די אויגן זעען וויאַזוי זאַכן רוקן זיך בפּועל באַקומט מען דערפון אַ געפיל פון מנוחת הנפש, ווייל **די חוש הראי' קומט גלייך אָן צו זיין האַרץ** און עס פאַראייניגט אַלע חלקי הנפש.

### ב

## עיני כל אליך ישברו; אויב מ'היט די אויגן פון שלעכטס, באַקומט מען תענוג פון קדושה

### אַ רוחניות'דיגע מנוחת הנפש דורך די אויגן

ס'איז אָבער אויך דאָ אַ תענוג פון די אויגן וואָס מ'קען באַקומען דורך דעם צד הקדושה! אַ איד איז פאַר'דאגה'ט צוליב זיינע חובות. ער זעצט זיך אַראָפּ לערנען און ער פּרובירט זיך צו קאָנצענטרירן: "זאָגט די גמרא ווייטער... אפשר זאָל איך באָרגן פון יענע גמ"ח? וויאַזוי גיי איך דעקן דעם חוב?... לאָמיר לערנען נאָך אַ שורה

גמרא...״ אָבער די מחשבה פליעט אים אַוועק. ער קען נישט האָבן קיין מנוחת הנפש. דער מענטש וויל הנאה האָבן פון אַ שבת׳דיגע סעודה, ער וויל שפּירן ׳כאילו כל מלאכתך עשויה׳, אָבער ס׳גייט אים נישט.

זאָל דער איד וויסן אַז די אויגן קענען אים העלפן. וועלכע אויגן? **די אויגן וואָס דוד המלך דערמאַנט אין תהלים: ׳עיני כל אליך ישברו ואתה נותן להם את אכלם בעתו׳.** - זה לעומת זה, פּונקט ווי די אויגן קען געבן אַ פאַלשע מנוחת הנפש מצד הטומאה פאר געציילטע מינוט, קענען די אויגן אויך ברענגען אמת׳ע מנוחת הנפש פאר די רוחניות׳דיגע צד הקדושה, און דאָס בלייבט אויף אייביג.

## אָנפילן דעם נפש מיט אַרויסקוקן צום רבוש״ע

אַ איד האָט דעם כח צו אָנפילן זיין נפש, דורך מקיים זיין דעם ׳אשא עיני על ההרים מאין יבא עזרי׳, ווי צדיקים האָבן געטייטשט אַז **פון דעם ׳אין׳ - דער רבוש״ע וואָס איז העכער פון דער גאַנצער בריאה, פון דאָרט איז ׳יבא עזרי׳!** דער איד נוצט זיינע אויגן צו זען אַז דער רבוש״ע איז אַ כל יכול וואָס וועט אַלעס מסדר זיין, און אַז ער איז אַ טוב ומטיב. דער איד נוצט זיינע אויגן צו זען די זיבן זאַכן וואָס דער חובה״ל רעכנט אויס (שער הבטחון פרק שני) אַז זיי מאַכן אַז מ׳זאָל זיך קענען בוטח זיין אין איינעם.

ווען אַ איד נוצט זיינע אויגן אויף דעם אופן, **קען ער אָנפילן זיין נפש מיט אן אויסטערלישע מנוחת הנפש.** דורך נוצן דעם זעלבן כח פון דעם חוש הראיה.

## זיך נישט זעטיגן מיט׳ן צד הטומאה חלילה

דערפאַר שטייט אין **זוהר הק׳**, אַז רבי שמעון האָט אָנגערופן דעם חטא פון ראיות אסורות: ׳אל תפנו אל האלילים׳, ווייל אַלעמאָל ווען אַ מענטש שפּירט זיך ליידיג, האָט ער אַ גרויסער צער דערפון, און **ער גייט זוכן וויאַזוי ער קען זיך אָנפילן זיין נפש.** ווי דער חובת התלמידים שרייבט אין זיין ספר ׳צו וזירוז׳ (אות ט) אַז יעדער מענטש מוז האָבן עפּעס הרגשים אָנצופילן זיין האַרץ, אויב נישט קען ער ווערן ממש משוגע.

# די וואס פאַלן אין די ענינים פון שמירת עינים און קדושה, גליטשן זיך נעבעך זייער ווייט

דער מענטש האָט יעצט אַ בחירה, ער קען אָנפילן זיין ליידיגקייט מיט ראיות אסורות וואָס קומט פון סטרא אחרא; ער קען זיך אָנשטאָפּן מיט פאַלשע תענוג. **דערפאַר זאָגט מען אים: אל תפנו אל האלילים!** גיי נישט דאָרט! זיי נישט יונק פון דער צד הטומאה! נעם דיין מנוחת הנפש פון דער צד הקדושה. **פיל זיך אָן מיט ׳עיני כל אליך ישברו׳!** נעם אַריין אַלע חושים אַז זיי זאָלן מיטאַרבעטן מיט דיר בשעת אַ מצוה, ביים לערנען, ביי אַ שב״ק, ביי אַ דאַווענען. זיי ממלא דיין חיות פון דעם ריכטיגן מקום. דאָס האַרץ גיבט חיות פאַר׳ן גאַנצן מענטש.

## תענוג באַהערשט דעם גאַנצן מענטש

און מ׳דאַרף געדענקן אַז די תענוג וואָס פילט אָן דעם מענטש און גיבט אים מנוחת הנפש, **האָט למעשה דעם כח צו שולט זיין אינגאַנצן אויפ׳ן מענטש.** ווייל ער לעבט דאך ממש פון דעם חיות וואָס ער האָט באַקומען פון דעם מנוחת הנפש.

דאָס הייסט, אַז טאָמער מ׳שטאָפּט זיך אן פון די סטרא אחרא, ווערט מען חלילה אינגאַנצן באַהערשט פון דעם צד הטומאה. דערפאַר זעט מען טאַקע אַז **די וואָס פאַלן אין די ענינים פון שמירת עינים און קדושה, גליטשן זיך נעבעך זייער ווייט.** ווייל מ׳גייט ממש אַריין אונטער די שליטה פון דער עבודה זרה.

## אָנפילן דאָס ליידיגקייט מיט די ריכטיגע גאַז

דאָס איז פּונקט ווי אַ דרייווער פון אַ קאַר וואָס פאָרט אויף ׳גאַזאָלין׳, מאַכט אַ טעות און לייגט אַריין ׳דיזעל׳... אפילו אויב די גאַנצע טאַנק וועט זיין אָנגעפילט, **וועט די קאַר אָפּשטאַרבן און נישט קענען פאָרן.** ווייל דו האסט עס אָנגעפילט מיט די נישט ריכטיגע גאַז.

ווען איינער פילט זיך אָן מיט ראיות אסורות, וועט ער מעגליך שפּירן די ערשטע מינוט אַ געוויסע זאַטקייט און מנוחת הנפש, אָבער באמת, אַז מ׳וועט דאָס נאָכקוקן, וועט מען זען אַז עבירות **ברענגען ממש די היפוך הגמור פון מנוחת הנפש.** ס׳איז אַ ׳דרך קצרה שהוא ארוכה׳. אויף דער מינוט שפּירט מען אָנגעפולט **אָבער מ׳קען נישט לעבן דערויף.** דעריבער דאַרף מען נאָכאַמאָל זיך אָנפילן, וחוזר חלילה. אַז מ׳פילט זיך נאָכאַמאָל אָן מיט ראיות אסורות ברענגט עס ווייטער די היפוך הגמור פון מנוחת הנפש, ווייל מ׳האָט אַריינגעלייגט די נישט ריכטיגע גאַז.

## צומאַכן די אויגן עפנט די חיות דקדושה

אָבער אויב אַ איד האַלט זיך איין מיט אַ שמירת עינים, האָט ער יעצט פאַרמאַכט דעם שלעכטן צינור, און **דאָס וועט אים תיכף ומיד עפענען דעם צינור מצד הקדושה**, אַזוי ווי די **גמרא** זאָגט (נדה ל, ב) אַז ווען אַ קינד ווערט געבוירן ווערט אויף דער סעקונדע פאַרמאַכט דער צינור פון וואו ער האָט יונק געווען חיות ביז די לידה, און גלייך עפנט זיך אַ נייע צינור פון חיות.

דער רבוש״ע האָט אויסגעשטעלט אַז אַ מענטש דארף אַגאַנצן צייט יונק זיין חיות. אויב דו ביסט אַן ׳עוצם עיניו מראות ברע׳, האָסטו פאַרמאַכט אַ צינור אַז דו זאָלסט נישט באַקומען קיין מנוחת הנפש פון דברים אסורים, דעריבער **וועט זיך תיכף עפענען אַ פרישע צינור פון חיות!** בשעת מעשה איז עס טאַקע אַביסל שווער, אָבער דאָס גייט דיך ברענגען אַז דו זאָלסט יונק זיין אַ געוואַלדיגע מנוחת הנפש פון דעם אויבערשטן. דו גייסט קענען נוצן דיינע חושים מיט אַ מורא׳דיגן תענוג פון דברים שבקדושה!

ג

# מלך ביפיו תחזינה עיניך; דער שכר אויף שמירת עינים

## מ׳פאַרלירט אויך וואָס מ׳האָט שוין געהאַט

די גמרא זאָגט אין מסכת סוטה (ט, א): **סוטה נתנה עיניה במי שאינו ראוי לה, מה שביקשה לא ניתן לה, ומה שבידה נטלוהו ממנה.** די פּראָבלעם פון די סוטה איז געווען אַז זי האָט גענוצט די אויגן צו שאַפן עפּעס תענוג פון אַן אומריכטיגע פלאַץ, איז די תוצאה און אַפעקט דערפון, אַז סיי מ׳באַקומט נישט וואָס מ׳האָט געוואָלט נעמען, און סיי מ׳פאַרלירט אויך וואָס מ׳האָט שוין יאָ געהאַט.

די גמרא פירט אויס אַז דאָס איז נישט בלויז עפּעס אן עונש אויף אַ סוטה, נאר אַזוי אַרבעט די גאַנצע בריאה: **שכל הנותן עיניו במה שאינו שלו, מה שמבקש אין נותנין לו, ומה שבידו נוטלין הימנו.** אויב וועסטו נוצן דיינע אויגן אויפ׳ן ריכטיגן אופן, אויב האָסטו מקיים געווען דעם ׳עיני כל אליך ישברו׳, וועסטו יונק זיין פון השי״ת. אָבער אויב דו ביסט געגאַנגען צו דער פאַרקערטער זייט און גענומען חיות פון אַן אומריינע פלאַץ, איז דאָס אַזויווי מ׳לייגט אַריין די אומריכטיגע גאַז אין אַ קאַר, און ס׳ווערט צעבראָכן. ס׳קוקט דיר אויס ווי די עבירה ברענגט עפּעס אַ תענוג, אָבער

למעשה אַרבעט עס נישט, און **אויפ׳ן וועג האָסטו שוין פאַרלוירן וואָס דו האסט פריער געהאַט.** בלייבט מען ׳קרח מכאן וקרח מכאן׳.

### שמירת עינים פאַרבינדט מיט׳ן מקור החיים

ומדה טובה מרובה, ווען איינער היט זיך אָפּ די אויגן, שטייט אין דער **גמרא** (ברכות כ, א) אַז רבי יוחנן האָט נישט חושש געווען פון קיין שום עין הרע, ווייל ער איז געווען פון די קינדער פון יוסף הצדיק, און ביי יוסף איז נישט שולט קיין עין הרע. פאַרוואָס? ווייל **׳עין שלא רצתה לזון ממה שאינו שלו אין עין הרע שולטת בו׳** - אויב דיינע אויגן זענען נישט יונק פון דברים האסורים, וויאַזוי ברענגען זיי מנוחת הנפש פאַר׳ן לב? **דורכדעם וואָס זיי זענען יונק פון דעם רבוש״ע!** אויב אַזוי האָסטו באַקומען חיות פון אַ העכערע פּלאַץ, וואָס דאָרט איז נישט שולט קיין עין הרע.

די פּראָבלעם פון עין הרע קען נאר זיין אין אַ וועלט וואו ס׳איז דאָ טוב און רע, אָבער אויב דו ביסט יונק פון דעם מקור הטוב, **ביסטו העכער דערפון, און אודאי קען נישט קיין שום עין הרע האָבן אַ שליטה.** דער מענטש וואָס נוצט נישט זיינע אויגן זיך צו זעטיגן ממה שאינו שלו, ווערט אויטאָמאַטיש יונק זיין פון דער צד הקדושה און דעמאָלט איז ער באַשיצט פון אַלעם בייזן.

### ממאס זיין ראיות אסורות ווייל ׳ס׳איז נישט גוט פאר מיר׳

נאָכדעם וואָס מ׳דערהערט די נקודה קען מען אַנטוויקלען אין האַרץ אַ **געוואַלדיגע מיאוס צו קוקן וואָס מ׳טאָר נישט**, ווייל מ׳פאַרשטייט אַז מ׳מאַכט זיך דורכדעם אַ ביטערע לעבן.

דער ספה״ק **אור המאיר** (פרשת חיי שרה) ברענגט וואָס די **גמרא** (ע״ז כ, א) פאַרציילט אויף רבי עקיבא אַז ווען ער האָט געזען אשת טורנוסרופוס הרשע האָט ער געשפיגן פון גרויס מיאוס. און דער אור המאיר לייגט צו אַ מעשה אַז דער **מעזריטש׳ער מגיד** זי״ע איז געווען אַ מלמד אין אַ דערפל, און אַמאָל איז דאָרט אַריינגעקומען אַ פריץ מיט אַ פרוצה. דער מגיד האָט דערפון געהאַט אַ גרויסע צער און ער האָט זיך מתבונן געווען ווי מאוס דאָס איז, ביז **ער האָט ממש אָנגעהויבן ברעכן אויפ׳ן פלאַץ**. דאָס האָט געברענגט אַז דער פריץ האָט באַפוילן אַז מ׳זאָל אים אַרויסשיקן אינדרויסן, אַזוי איז ער ניצול געוואָרן.

## ווייפיל שווערער ס׳איז צו מקיים זיין דעם ׳עוצם עיניו מראות ברע׳, באַקומט מען טויזנט מאָל מער דעם תענוג פון מנוחת הנפש

מ׳דאַרף אַנטוויקלען ביי זיך דעם געפיל אַז **ראיות אסורות איז נישט גוט, ווייל ס׳מאַכט פשוט קראַנק דעם מענטש.** מ׳קען דאָס זען אפילו בגשמיות, אַז ס׳איז דאָ מענטשן וואָס זענען צוגעוואוינט צו עסן אומגעזונטע און זיסע עסנווארג. ביז מ׳ווערט אַביסל עלטער און דער דאָקטער איז זיי מסביר וואָס די סאָרט עסנווארג טוט מיט זייער גוף.

אין אָנהויב איז זיי שווער זיך צו איינהאַלטן: ״וויאַזוי וועל איך קענען לעבן אָן קיין צוקער?״... אָבער נאָך אַ שטיקל צייט, אויב דער מענטש גייט אַריין דערינען מיט אַ ריכטיגע התבוננות, **קען ער נישט אָנקוקן די אומגעזונטע עסן.** ער קען עס נישט אַריינעמען אין מויל און ס׳ציטערט אים ניטאָמאָל! ווען ער קומט צו אַ מסיבה וואו ס׳איז נאָר דאָ קאָלירטע סאָדע פרעגט ער: ״**ס׳איז נישטאָ אַביסל וואסער? וויאַזוי קען מען בכלל טרונקען די סאָרט משקאות?**״... דאָס זעלבע קען אַ מענטש אַנטוויקלען דעם געפיל אַז **איך וויל נישט אַז מיין מנוחת הנפש זאָל זיין אָנגעהאָנגען אין ׳דיזעל׳ וואָס שטאַרבט אָפּ אַ מינוט נאָכדעם.** כ׳וויל נישט באַקומען מיין חיות פון שוואַכע זאַכן וואָס דערנאָך גיי איך פאַרלירן אַלעס!

### כל הכובש עיניו מן העריות זוכה ומקבל פני השכינה

לאָמיר אויספירן מיט די הייליגע ווערטער פון רבינו יונה אין אגרת התשובה, וואָס שרייבט בלשה״ק: **כל המסתכל... הודו נהפך עליו למשחית.** אָבער: **ואשר לא ישא עיניו, זוכה ותחזינה עיניו בנועם ה׳, מידה כנגד מידה חלף עבודתו אשר לא זן עיניו ממראה האיסור, שכך אמרו רבותינו ז״ל כל הכובש עיניו מן העריות זוכה ומקבל פני השכינה, שנאמר עוצם עיניו מראות ברע, ונאמר אחריו מלך ביפיו תחזינה עיניך.**

דאָס איז אַזויווי מ׳האָט אָנגעגרייט אַ גרויסע סעודה מיט טייערע פיש און פלייש אויף אַ גאָר רייכן און געשמאַקן אופן. אָבער איינער פון די באַטייליגטע האָט בעפאָר די סעודה זיך איבערגעגעסן מיט צענדליגער ראָגעלעך... **יעצט זיצט ער דאָרט ביים טיש ווי אַ נאַר און ער קען גאָרנישט עסן.** וואָס האָסטו געטון? ס׳וואַרט אויף דיר אַ נועם ה׳, ס׳וואַרט אויף דיר אַ חיות פון דעם מקור הטוב!

ווען אַ איד גיבט זיך אַכטונג אויף די אויגן, ווערט ער זען דאָס זיסקייט פון השי״ת. זיין מדת הבטחון ווערט אָנהויבן אַרבעטן מדה כנגד מדה. ווייל אַז מען שטאָפּט נישט די אויגן מיט פאַלשע תענוגים, ווערט מען באַקומען מנוחת הנפש פון דעם ׳עיני כל אליך ישברו׳. און ׳לפום צערא אגרא׳ - **ווייפיל שווערער ס׳איז צו מקיים זיין דעם ׳עוצם עיניו מראות ברע׳, באַקומט מען טויזנט מאָל מער** דעם תענוג פון מנוחת הנפש וואָס השי״ת איז משפיע בזה ובבא.

---

נקודה למחשבה

## בין המצרים; דערהערן וואָס מיר האָבן פאַרלוירן

מתוך שיעור ליל ת״ב שנת תשפ״ב לפ״ק

### דאָס דערהויבנקייט פון ירושלים האָט זיך איבערגעגאָסן אויף אַלעמען

הגה״צ רבי **נתן מאיר וואכטפויגל** זצ״ל (משגיח רוחני ביהמ״ד גבוה לעיקוואוד) פלעגט זאָגן אַז אַ איד דארף אַלעמאָל - און בפרט אין די טעג פון ׳בין המצרים׳ - זיך פּרובירן צו פארשטעלן און מצייר זיין וויאַזוי ס׳האָט אויסגעקוקט דאָס בית המקדש, די קרבנות און דער שטאָט ירושלים. מען דאַרף זיך אַריינלייגן אין דעם מצב, כדי מען זאָל כאָטש אַביסל שפירן וואָס עס פעלט אונז.

ווען אַ מענטש קומט אָן צו אַ גרויסע פאַרזאַמלונג, צווישן צענדליגער טויזנטער מענטשן, אָבער די אַלע פאַרזאַמלטע זענען פאַרביטערט און ברוגז צוליב אַ געוויסע סיבה; לדוגמא ס׳איז אַן ׳הפגנה׳ קעגן גזירות. וואו מען

דרייט זיך נאר, זעט מען אַז מענטשן זענען בייז און אָנגעווייטאָגט, וועט **דער יחיד נישט ווערן יעצט דערהויבן און גוטמוטיג**, ווייל נאַטירליך ווערט אַ מענטש איבערגענומען פון די סביבה וואו ער געפינט זיך.

אָבער טאָמער אַ איד קומט אן צווישן טויזנטער אידן וואָס זענען פרייליך און דערהויבן, וועט ער דאָך אויטאָמאַטיש נאָכגעשלעפּט מיט דער שמחה.

מען קען נעמען אַ בלאַסעביישפיל פון וויאַזוי ס'קוקט אויס ל"ג בעומר אין מירון; איבעראָל וואו מען דרייט זיך נאר זעט מען פרייליכע מענטשן וואָס זענען דערהויבן און זענען נאָנט צום אויבערשטן. ווען אַ איד כאַפּט זיך אָן מיט נאָך צוויי אַזעלכע אידן וואָס טאַנצן, **ווערט ער העכער!** ער ווערט אויפגעהויבן צוזאַמען מיט זיי! ס'האָט נישט צוטון מיט די פּלאַץ, ס'האָט נישט צוטון ווי שיין די גאס איז, דער עיקר איז די אַטמאָספערע וואָס איז משפיע אויף זיין האַרץ! **ווען ער טרעפט זיך צווישן דערהויבענע מענטשן, ווערט ער אליינס דערהויבן פונקט ווי זיי. ער ווערט אַן אַנדערע סאָרט מענטש.**

ירושלים איז געווען אַ שטאָט וואו יעדער מענטש איז דערהויבן געוואָרן אויף זיין אופן; איינער עסט אצינד **מעשר שני** - 'למען תלמד ליראה את ה' אלקיך'; דער צווייטער שלעפּט דעם **'קרבן חטאת'** ווייל ער וויל זיך רייניגן; אַ דריטער האָט איבערגעלאָזט אַלע זיינע פעלדער און איז געקומען צו גיין מיט אַביסל **'ביכורים'** פאַר'ן אויבערשטן; אן אַנדערער דרייט זיך מיט אַ **'קרבן תודה'** ווייל ער האָט קלאָר געזען דעם רבוש"ע, ער איז געווען אין אַ שווערע מצב, ער האָט געשריגן צום אויבערשטן און השי"ת האָט אים טאַקע געהאָלפן, יעצט קומט ער מקיים זיין דעם: 'ויזבחו זבחי תודה ויספרו מעשיו ברנה'.

די שטאָט איז געווען אַ שטאָט פון העכערקייט! א שטאָט פון כפרת עוונות! ס'איז געווען אַ רוחניות'דיגע פלאַץ, ווי מען זאָגט אין דעם שיר של יום פון מאָנטאָג: **"גדול ה' ומהולל מאד בעיר אלוקינו הר קדשו, יפה נוף משוש כל הארץ וגו' קרית מלך רב".**

## עס פעלט אונז די הערצער פון ירושלים

אָט דאָס דאַרפן מיר גוט דערהערן: די עיקר אבילות אויף ירושלים איז נישט אַז מיר האָבן פאַרלוירן אַ גשמיות'דיגע שטאט! **די עיקר אבילות איז, אַז מיר האָבן פאַרלוירן אַזאַ סארט הארץ! און אַז ס'איז נישט דאָ די האַרץ, דאַן איז אויך נישט דאָ די שטאָט!** די גאַנצע שמחה און לעכטיגקייט פון ירושלים איז געקומען פון די מענטשן וואָס האָבן זיך דאָרט געדרייט! יעדער וואָס איז געווען אין ירושלים איז געווען דערהויבן, ווייל ווען מען איז דאָרט אָנגעקומען האָט מען געטראָפן אַ שטאָט פון קרבת אלקים.

נאָכ'ן גרויסן חורבן קלאָגט דער נביא "איכה ישבה בדד", ירושלים זיצט אליינס. **טעכניש קען מען טאַקע גיין קיין ירושלים, אָבער וואו זענען די הערצער פון ירושלים?!** וואו זענען די סאָרט מענטשן וואָס זענען דאָרט געווען אין אירע שיינע צייטן?!

ווען מיר האָבן פאַרלוירן דעם בית המקדש און די קרבנות, האָבן מיר פאַרלוירן דעם איד! **נישט בלויז האָבן מיר נישט די קרבנות נאר מיר האָבן אויך נישט די 'תוצאה' פון די קרבנות!** נישט בלויז האָבן מיר פאַרלוירן דאָס 'עולה רגל' זיין, נאר מיר האָבן פאַרלוירן דער סאָרט איד וואָס קוקט אויס אַנדערש ווען ער האָט עולה רגל געווען! זיין אידישקייט איז דעמאָלט געוואָרן לעבעדיג, ס'איז געוואָרן אַן עכטע מציאות, ער האָט געלעבט און זיך געקאָכט מיט'ן אויבערשטן און אַלע אַנדערע זאַכן האָט ער אָנגעקוקט ווי נאַרישקייטן.

ווען אַזאַ סאָרט איד האָט געהאַט סיי וועלכע שוועריגקייט האָט ער געזאָגט מיט אַ פשטות: "איך וועל באַלד גיין רעדן מיט'ן באַשעפער און לאָמיר זען וואָס ער וועט ענטפערן". ווען אַ חבר וואָלט אים מציע געווען צו טון אַנדערע סאָרט שתדלנות, אָדער צו באַשולדיגן דעם אָדער יענעם, וואָלט ער אים אָנגעקוקט מיט וואונדער: **"פאַרוואָס רעדסטו אַזעלכע שטותים?! ביזט אפשר נישט גוט געשלאָפן די נאַכט?! קום לאָמיר גיין צום בית המקדש, רעדן צום רבוש"ע און ער וועט זיכער אַלעס מסדר זיין".**

אין בית המקדש זענען אידישע הערצער אויסגעוואַשן געוואָרן. מען איז געוואָרן ריין און לויטער. דער גאַנצער מענטש, מיט אַלע זיינע רמ"ח אברים און שס"ה גידים, **האָט געברענט מיט אַ נאַטירליכע אידישקייט.** יעדע שוועריגקייט אָדער פּראָבלעם איז געווען פאַר אים אַן עצה און אַ מהלך, וויאַזוי צו נתקרב ווערן צום באַשעפער דורכדעם!

## די אָפּטייטש פון אַ ירושלים של מעלה'דיגער איד

באמת דאַרף טאַקע יעדער איד זיין אַ 'ירושלים'דיגער איד'. דער אויסדרוק האָט דאָך אַזאַ עומק, **מיר האָבן ליידער פאַרלוירן די הבנה וואָס איז דאָס טייטש אַ 'ירושלים של מעלה'דיגער איד'.**

אַזוי ווי היינט איז דאָ אַזאַ מושג ווי אַ 'פאַרצייטישער חסידי'שער איד', אַ איד וואָס האָט זיך נאָך געווייקט ביי ערליכע אידן פון דעם פריערדיגן דור. - אַסאַך מער פון דעם איז דער אמת'ער 'ירושלים'ער איד'! ס'איז נישט די סאָרט בגד, ס'איז נישט די וועג פון רעדן, און ס'איז נישט צי ער האָט אַ קליינע אָדער אַ גרויסע דירה; **זיין האַרץ איז אַ ירושלים'ער האַרץ!** יעדער האָט דאָך אַ 'ירושלים' אין זיין נשמה, און דער רבוש"ע פרעגט דעם מענטש: "וואו איז דיין ירושלים?! פאַרוואָס ביזטו אַ חוץ לארץ'דיגער סאָרט איד?!"

ליידער, ווען אידן האָבן פאַרלוירן זייער ירושלים פון האַרץ, זענען זיי אויך פאַרטריבן געוואָרן פון דער שטאָט ירושלים, **ווייל אין דער שטאָט ירושלים של מטה קען מען נישט וואוינען אַזוי חוץ לארץ'דיג, מען דאַרף דאָרט לעבן ווי אַ בית המקדש'דיגער סאָרט איד.** דאָס וויל דער אויבערשטער פון אונז, ווייל דאָס הייסט אַן אמת'ער איד!


פטרון החודש

לע"נ **אפרים**
**פישל** בן **משה**
**יצחק הכהן** ז"ל
יארצייט ג' אב

פטרון השבוע

לעי"נ הרה"ק
ר' **מאיר** בן ר'
**שמואל הלוי** זי"ע
**בעל אור לשמים מ'אפטא**
נלב"ע כ"ה תמוז
ולזכות **אהרן בן אסתר** ומשפחתו

פטרוני הפצה
בהרי האקעטסקילס

קרית ויואל משה סאטמאר (איחוד):
נתנדב ע"י **הרוצה בעילום שמו**
לע"נ **הגה"ק מסאטמאר רבינו יואל**
בן **הרה"ק חנני' יו"ט** זצוק"ל

Apple tree supermarket
נתנדב ע"י **הרוצה בעילום שמו**
**לזכות את הרבים**

יש להשיג הגליונות בהרי
הקעטסקילס במשך הקיץ אצל:

**קרית ויואל משה סאטמאר** (איחוד) אצל המקוה
240 Forestburgh Rd, Monticello, NY

**Apple Tree Supermarket**
1885 NY-52, Liberty, NY

**מקוה נחלת צבי קראלי**
71 Gamble Rd, South Fallsburg, NY

לקבל הגליון בקביעות ע"י אימייל - info@machonhavineini.com

ניתן להשיג הגליון במקומות הבאים:

בארא פארק: ביהמ"ד סאטמאר 53 לאקער #62; ביהמ"ד קראסנא לאקער #166; ביהמ"ד ראחמיסטריווקא–ליד המקוה; ביהמ"ד טאהש–ליד המקוה; The Winery 18 Ave

וויליאמסבורג: ביהמ"ד סאטמאר–בנין בראך–לאקער #213; ביהמ"ד בראשוב–לאקער 58; Central Market; ביהמ"ד וויען–שמש שטיבעל; ביהמ"ד קראלי–שמש שטיבעל

מאנסי: ביהמ"ד סאטמאר Monsey 13; ביהמ"ד דעלעטין; ביהמ"ד ראדאשיץ–Airmont; ביהמ"ד דאמבראווא; ביהמ"ד ויואל משה סאטמאר; ביהמ"ד ווילעדניק; ביהמ"ד נצח ישראל–פארשעי; ביהמ"ד הגדול וויזניץ 25 Phyllis Terrace

קרית יואל: ביהמ"ד אהל פיגא; ביהמ"ד בית אלעזר; ביהמ"ד בית מנחם זאב; ביהמ"ד ישמח משה; ביהמ"ד אבני צדק; ביהמ"ד רב טוב; ביהמ"ד בית דוב

לאנדאן: ביהמ"ד סאטמאר 26 לאקער 42; ביהמ"ד וויזשניץ לונדון לאקאר 25; ביהמ"ד ביאלא 45 לאקער 33; ביהמ"ד בית התלמוד ליד הביהמ"ד; ביהמ"ד חברה ש"ס בביהמ"ד

קול הביינני:
ארה"ב 718.686.8300
א"י 072.257.7726
בריטניה 0204.586.2115
בלגיה 03.300.0223